# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו

גילוי רצון ה' למעשה

גיליון מ"ט פרשת בלק - תש"פ

## פרשת בלק

### ברכה - אראפ ברענגען דער שפע אויף דעם מענטשן

אין די פרשה איז דא א גרויסע סוגיא פון בלק מיט בלעם. מ'וואלט געדארפט רעדן א עקסטערער שיעור א וואו איז דער בלק און בלעם פון דעם עולם קטן פון יעדער מענטש. דער מענטש אליין האט דאך אויכעט א בלק מיט א בלעם מיט א כלל ישראל, אבער מ'וועט היינט רעדן א צווייטע נקודה אינגאנצן.

### לברכה ולא לקללה

די גאנצע פרשה איז געבויעט צווישן ברכות מיט קללות. לאמיר זיך באמת מתבונן זיין וואס איז דאס א ברכה, אונז זאגן יעדן טאג 100 ברכות יעדן טאג, וואס איז דער מושג ברכה, און וואס איז דער מושג קללה. וואס איז דאס קללה?

דער באגרייף פון א 'ברכה' איז א לשון בריכה. וואס הייסט עס? - ס'ברענגט שפע. באמת איז נאכאנאנד דא שפע אלוקי וואס קומט אראפ אלע גוטע השפעות, צו ס'איז פרנסה, צו ס'איז חיים, צו ס'איז רפואה, נאכאנאנד איז דא א שפע אלקי, שפע טובה אויף די בריאה, וואס איז מחייה די בריאה, ס'איז מהווה די בריאה א.א.וו.

אבער צו עס פארשטיין טעכניש וואס טוהט א איד ווען ער זאגט א ברכה? א ברכה איז אזוי ווי ער נעמט א צינור, א פייפ, ער לייגט עס אין די מקור השפע פון וואו ס'קומט דעם שפע און ער דרייט עס אויס צו זיך. אז דער שפע וואס קומט יעצט אויף די וועלט זאל קומען צו דעם מענטש אליין, מ'רופט עס בריכה, א לשון ס'קוועלט צום אים דער שפע. דאס איז פשוט יעדער ברכה.

ממילא, מ'זאגט פאר א מענטשן שתשרה ברכה במעשה ידיך, יעדער ברכה וואס מ'בענטש איז דער טייטש זאל קומען דער שפע צו דיר.

### א ברכה פאר יענעם?

נאך מער, וועט זיך פרעגן א שאלה, ווי אזוי גיט א צדיק א ברכה פאר יענעם? ווי אזוי קען א איד אויספועל'ן פאר א צווייטן א ברכה? - מילא פאר זיך, נו ער האט געטוהן א מעשה טוב, און די מעשה טוב ווערט א צינור לשפע און ער ברענגט צו זיך. מיר טרעפן א באוואוסטע גמרא (ברכות יז, ב) כל העולם ניזון בשביל חנינא בני וחנינא בני די לו בקב חרובים. דורך ר' חנינא האבן אלע באקומען שפע. דורך די זכות פון משה רבינו האבן אלע באקומען מן, דורך מרים הנביאה האבן אלע באקומען זייער וואסער. ווי אזוי קען א איד ברענגען א שפע פאר א צווייטן? ווי אזוי קען א צדיק ברענגען א שפע פאר א צווייטן?

דער הסבר און דער געדאנק איז זייער א פשוט'ע געדאנק. ס'איז דא א כח וואס רופט זיך עין טובה, פארגינען, עין טובה ברענגט שפע אויף דעם אידן וואס איך גיב פאר אים דעם עין טובה. איך פארגין יענעם און איך ברענג צו, דורך דעם וואס איך האב די מדה, מדתו של הקב"ה פון דעם פארגינען און משפיע זיין פאר יענעם טובה - לייג איך צו א סארט צינור וואס דער צינור ברענגט פאר יענעם שפע. ס'איז א פשוט'ע זאך.

### דער אויג פון א מענטש - מסודות הבריאה

ס'איז דא אויכעט אין דעם עניין די פארקערטע זאך - רחמנא ליצלן - וואס הייסט עין הרע. א מענטש דורך זיין קוקן איז יענעם מזיק. און ווי אזוי ארבעט עין הרע? איז דא א אינטרעסאנטער חזון איש וואס ער איז מבאר דעם ענין. איך וואלט געוואלט זאגן אפילו דעם לשון דארט. ס'איז אין הערות אויף מס' בבא בתרא סוף סימן כ"א. למעשה דער חזון איש רירט אן דער מושג וואס הייסט היזק ראיה, א מענטש קוקט ביי יענעם, אדער א מענטש זעהט יענעם'ס שפע און ער גיט אריין אין אים עין הרע, ווי אזוי ארבעט עס?

איך וועל ברענגען נאר ממש א תמצית פון אפאר קליינע לשונות וואס ער רעדט דארט. שרייבט ער דארטן: **מסודות הבריאה** - ס'איז א סוד פון די בריאה, **כי האדם במחשבתו** - דער מענטש ווען ער טראכט, **הוא מניע** - רוקט ער **דברים נסתרים בעולם** - ער רוקט כוחות נסתרים, באהאלטענע כוחות פון די וועלט בעולם המעשה, **ומחשבתו הקלה** - א גרינגע מחשבה, **תוכל לשמש גורם להרס ולחורבן של גשמים מוצקים**. א מענטש מיט זיין מחשבה קען חרוב מאכן בניינים, גשמיות'דיגע זאכן קען ער חרוב מאכן מכח זיין מחשבה. ער ברענגט אראפ א גמרא אין פסחים (נ, ב), אז ווייל ס'איז געווען גרויסע פעסער איז שלטה ביה עיני, און נאך א גמרא (ב"מ סד, ב), און די נקודה וואס הייסט עין הרע? זאגט ער: **ובשעה שבני אדם מתפעלים על מציאות מוצלחה** - א מענטש ווערט נתפעל פון יענעם'ס גרויסע הצלחה, **מעמידים את מציאות זו בסכנה** - גייט אריין יענע זאך אין א סכנה. רירט ער אן מ'טאר נישט פארלירן די אמונה, **ומכל מקום הכל בידי שמים, וכל שלא נגזר עלי' בדין שמים לאבדן הדבר ניצל**, טאמער פון הימל איז נישט געווארן געשריבן אז דער בנין זאל חרוב ווערן וועט עס נישט חרוב ווערן. **אבל שנגזר הדבר לאבד מתגלגל הדבר לפעמים על ידי שימת עין תמהון**, א תמהון הייסט אזוי ווי תמהון לבב, א מענטש כאפט התפעלות על הדבר ועל ידי זה יכלה. אזוי ווי ער ברענגט אראפ דארטן (ב"מ קז, ב) אז רב איז אריין אין א בית הקברות האט ער געזאגט 99 פראצענט וואס זענען דא געשטארבן זענען אוועק פון עין הרע. און ער גייט אריין אין די לאנגע סוגיא פון דעם.

לאמיר צוריק גיין צום נקודה, וואס איז דער טייטש, ווען א מענטש קוקט אויף א זאך, מיט א צורה פון חרוב מאכן קען ער עס חרוב מאכן. און פונקט פארקערט אויכעט, א מענטש וואס

פארגינט וואס ער האט א עין טובה - ברענגט ער פאר יענעם א שפע מיט א צינור השפע.

קומט אויס, אז א מענטש בויעט צינורות פון די שפע און ער קען מקלקל זיין צינורות. דאס איז די עין טובה און פארקערט.

### א קללה פועל'ט

און קללה וואס איז? קללה איז א לשון קלקול, ער מאכט קאליע די צינורות. יענער האט שוין א צינור פון שפע, יענער האט שוין יא גוטע זאכן און מיט די קללה מאכט מען עס קאליע.

פרעגט זיך א באוואוסטע שאלה - א וועלט שאלה - פארוואס מענטשן האבן מער מורא פון א קללה ווי פון א ברכה, אזוי איז דער סדר. א ברכה ווערט מען נישט התפעלות, און א קללה באנעמט א מענטשן.

(און איך מוז דערמאנען א אינטערעסאנטע מעשה, דער אויבערשטער דער מסבב כל הסיבות האט צוגעפירט אז איך בין אמאל געווען צווישן א קבוצה אידן וואס זיי זענען נאך נישט קיין שומרי תורה ומצוות, זיי וועלן נאך אמאל היטן מצוות אבער נאך אביסאלע ווייט. און איך בין אריין אין די נקודה פון אז א איד איז א מאמין, און טאקע אלע האבן מיר מודה געווען אז זיי אלע גלייבן, אז ס'איז דא שכר, ס'איז דא עונש, די וועלט איז נישט הפקר. ס'איז נישטא אזא זאך הפקר וועלט, מ'קען נישט טוהן וואס מ'וויל. אבער, דער אויבערשטער האט געפירט, ס'איז געווען דארט א מענטש וואס כדי צו פטור ווערן - א מענטש וויל פטור ווערן פון אלע מצוות מיט אלע התחייבות האט ער געגעבן א זאג די ווערטער רחמנא ליצלן 'איך גלייב נישט אין גארנישט' א זאך וואס איך זעה נישט גלייב איך נישט א זאך וואס איז נישט טאפעדיג ער קריכט נישט אריין אין דעם. האב איך געזאגט פאר אלעמען איך גיי אייך באלד באווייזן ביז אפאר מינוט וועט איר זעהן אז דער איד גלייבט יא אין זאכן וואס ער זעהט נישט. האב איך געזאגט, איר הערט? איך האב עס געזאגט יענער זאל הערן, איך גיי אים באלד געבן א קללה וואס א קללה נמרצת, א שווערע קללה, מ'וועט זעהן צו ער וועט זיך אויפרעגן צו נישט. איי איך טוה אים דאך גארנישט, וואס איך האב געזאגט מיט די מויל, איך האב אים עפעס אנגערירט? איך האב איך דאך גארנישט געמאכט? יענער האט זיך געבעטן ניין! ניין! הרב! ... שעלט מיר נישט, מאכט מיר נישט אזא זאך. פרעג איך זיי פארוואס? ווייל ער גלייבט יא.

קומט אויס, א ברכה מיט א קללה איז א נקודת אמונה אויכעט, און א טיפע נקודה אין אמונה. נישט קיין דרך אגב'דיגע זאך. ממילא בלק מיט בלעם האבן געוואוסט זייער גוט די טיפקייט פון די אמונה פון די ברכה מיט די קללה און וואס מ'קען אנארבעטן מיט א ברכה מיט א קללה).

די וועלט זאגט אז ווען א מענטש גיט שוין א קללה גיט ער עס מיט די גאנצן הארצן. פארוואס? ער ווערט נערוועיז און ער שעלט יענעם אריין, איז גיט ער עס מיט די גאנצן הארצן, און ווען ער בענטשט גיט ער נישט מיטן גאנצן הארץ.

### אבער באמת איז דאס אביסאלע אנדערש.

ברכה איז דער טייטש, תוספות טובה. א מענטש האט נאכאנאנד ברכה, ער האט חיים, ער האט פרנסה, ער האט קליידער, ער האט פול מיט גוטע זאכן. און מיין זוהן ראובן האט מיר עס אביסאלע מער מחדד געווען, נו, א מענטש גיט אים א ברכה, ער האט אין הארצן א שטיקאלע ספק, וועט עס ווערן - איז דאך גוט, וועט זיין נאך שפע, ווען נישט, איז וואס האט פאסירט? האב איך נישט די תוספות שפע, איך האב גארנישט דערלייגט. און נאך מער, ער וועט נישט שפירן אז ס'פעלט אים, ווייל ער האט, ער האט נאכאנאנד שפע. קללה איז דער טייטש איך גיי מקלקל זיין א שפע וואס א מענטש האט. א מענטש למשל דארף האבן אויפן חודש צום לעבן 10 טויזנט דולר, ער האט א ארבעט וואס דארט פארדינט ער סך הכל 3000 דולר. די אנדערע 7 דארף ער יעדן חודש איבערדרייען א וועלט, און ס'קומט אן בדרך לא דרך, ער ווייסט אליין נישט פונקט ווי יעדן חודש פאסירט ניסים און ער ענדיגט דעם חודש. ווען איינער וועט וועלן טשעפען אבער זיין ארבעט פון די 3 וועט אים זייער שטערן, פארוואס? ווייל דאס איז שוין אוועק געשטעלט, דאס איז זיכער, ס'איז קלאר, אויף דעם שטייט ער. א מענטש ווען מ'שעלט אים איז דער טייטש ער האט שפע, האט שפע חיים, נאר דער אויבערשטער זאל אפהיטן ער דארף אנהויבן צו שלעפן א פוס, איי ער וועט בלייבן לעבן, אבער דו טשעפעסט דער שפע וואס איך האב נארמאל. טשעפע נישט די צינורות מיטן שפע וואס איך האב כסדרן, ריר עס נישט אן. א קללה האט א מענטש מורא אז ס'וועט זיך אנהויבן טשעפען זאכן וואס ער שטייט יא אין דעם שפע, דאס שטערט אים זייער שטארק.

### דער געוואלדיגער כח הדיבור

קומט אויס, היוצא מדברינו ביי אונז למעשה, א איד דארף וויסן, זיין געוואלדיגער כח הדיבור לטובה אויף א איד, וואס דאס בעז"ה וועט זיין א עקסטערער שיעור נפרד וואס הייסט כח הדיבור אויפן א צווייטן, א זוהר הק', ס'איז א לאנגע אריכות. אבער לאמיר צוריק גיין, א איד קען נאכאנאנד משפיע זיין צינורות דקדושה, צינורות פון שפע פאר כלל ישראל. עין טובה, מתפלל זיין אויף כלל ישראל, אינזינען האבן כלל ישראל און למעשה די דאווענען מיט תפילין מיט די מושג פון גאנץ כלל ישראל, קדיש איז געבויעט אינגאנצן אויף כלל ישראל, אלעס. ממילא, פארקערט פון בלעם מיט בלק וואס זיי האבן זיך געפארעט פון קלקול הצינורות, און מ'פארשטייט אויכעט וועגן דעם האבן זיי געזוכט אויכעט די זאכן וואס טוהט זיך ביי כלל ישראל און לויט דעם שעלטן. ווייל וויסן וואס איז די צינורות און עס ר"ל טשעפען.

למעשה דארפן אונז זיך לערנען נאכאנאנד אראפ ברענגען ברכה אויף די וועלט פון צינורות דקדושה, פאר אונז און פאר אלע אידן.

## אויסגעוועלטע פערל ווערטער פון די טעגליכע "חיזוק יומי" שמועסן

דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א מתנה, א נייער טאג, א געשמאקער טאג, א ליכטיגער טאג, ב"ה דער אויבערשטער האט געהאלפן מיר האבן געהאט היינט נאך א אייניקל ב"ה, חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו, איך דאנק און לויב דעם באשעפער אויף דעם און אויף אלע חסדים וואס דער אויבערשטער האט געטוהן מיט מיר און אויף אלע אידן.

### דער מח פליט...

מ'וועט רעדן א נקודה. נעמען א קליין נקודה און צונעמען למעשה. - נעכטן בין איך געזעצן, איינעם וואס זאגט מיר גיב מיר עפעס א זאך וואס זאל משפיע זיין אויף מיין טאג. האט מען גערעדט א קליין נקודה, א וויכטיגע נקודה, און אז דער אויבערשטער וועט העלפן מ'קען עס תולה זיין איז דאס א זאך וואס דרייט איבער דעם מענטשן'ס לעבן. א קליין זאך, וואס מ'דארף צום אנהויב אביסאלע משקיע זיין, שפעטער איז די פירות באמת זייער גרויס.

מ'האט גערעדט וועגן 2 בחורים, אין געגענד פון 18 יאר, די בלוט קאכט, די מחשבה איז נישט מצומצם אויפן פלאץ. מ'האט גערעדט וועגן די נקודה פון זיין אויפן פלאץ וואו מ'איז. א מורא'דיגע נקודה אין עבודת ה', ווי אזוי קויפט מען איין אז ווען מ'געפינט זיך אין א זאך זאל מען זיין ביי די זאך, נישט זיין אין א צווייטע זאך. מ'דאוונט שמו"ע דער מח לויפט אויף אלע זייטן, יעדער זאך וואס מ'טוהט אין די זעלבע צייט טראכט מען שוין פון 6 אנדערע זאכן, און קומט אויס אז מ'איז אין קיין זאך נישט. מ'איז נישט 100 פראצענט ביים דאווענען און נישט 100 פראצענט ביים לערנען, אפילו נישט 50 פראצענט אסאך מאל. דער מח איז צופלויגן.

### *זיך אפ שטעלן אויף אפאר מינוט*

לאמיר מיר מתפלל זיין אז דער אויבערשטער זאל מיר אריין לייגן די פאסיגע ווערטער:

ווי אזוי קומט מען צו צו דעם. אפילו אויף אייניגע מינוטן אין האנהייב, 5 מינוט אדער 3 מינוט ביים דאווענען זאל מען זיין ביים דאווענען, און נאכאמאל 3 מינוט, ווי אזוי קומט מען צו צו דעם?

האב איך זיי געזאגט א זאך וואס איך האב שוין געזאגט פאר בחורים. מ'מוז ארבעטן אויף דעם אין אנדערע שעות. וואס דער טייטש? אמאל איז דאס נאכמיטאג אדער ביינאכט, כאפן אייניגע מינוטן און זיצן און אפרוהען אביסל דעם מח. אפשטעלן דעם מח פון לויפן. א מענטשן'ס מח טראכט, אבער ס'דא א זאך עס אפשטעלן. איך לויף נישט. נישט די מחשבה טראגט מיר, איך בין יעצט רוהיג, איך בארוהיג אביסל די מחשבה. איך זיץ רוהיג דריי מינוט, מיטאג, ביינאכט, און בפרט בפרט פאר א דאווענען. מ'לויפט אמאל אין ישיבה ווייל מ'וויל אניאגן דעם דאווענען, מ'לויפט אמאל אריין אין א שול, מ'גייט שנעל, די בלוט טרייבט, דער מח טרייבט, דער מח איז נישט ביים דאווענען ווייל ס'יאגט דער מח. אז מ'בארוהיגט דעם מח, אזוי ווי ס'שטייט למעשה א סעיף אין שו"ע (או"ח צח, א) פארן דאווענען זאל מען זיך מתבונן זיין, זיך אוועקזעצן און מתבונן זיין פאר וועמען מ'דאוונט. במידה מסוימת דאס איז אפרוהען דעם מח, אז דער מח באקומט א ישוב הדעת, אביסאלע רוהיגקייט, איז ווען דו גייסט יעצט דאווענען איז דיין החלטה פון דאווענען, דיין מח ביים דאווענען, קענסט זיך אפילו אנצינדן א ברען ביים דאווענען. אבער דער ברען קומט נאך א התבוננות, ס'קומט נאך אפרוהען אביסאלע.

אז א מענטש אדער א בחור געוואוינט זיך צו פינעף מינוט אפרוהען דעם מח, און שפעטער פינעף מינוט זיין ביי וואס ער טוהט, שפעטער צולייגן נאך פינעף מינוט און זיין ביי וואס ער טוהט, און נאך פינעף מינוט, אזוי לערנט זיך אויס א מענטש לאנגזאם, אז ווען ער וועט זיין ביי א ארבעט, וועט דער מח זיין ביי די ארבעט, ווען ער וועט זיין אין כולל וועט דער מח זיין ביים לערנען. מ'קען זיצן אין כולל שעות און דער מח איז זייער צופלויגן. מ'קען זיין אין כל מיני סיטואציות, גאנצע שעות, מ'קען זיצן א גאנצער סדר נאכט און דער מח איז צופלויגן. מ'קען זיצן אמאל און טוהן גאנצע זאכן וואס א מענטש טוהט און ער איז מצליח אבער זיין מח איז נישט דארט, ער איז נישט גאנץ מיט די זאך וואס ער טוהט. כדי מ'זאל עס יא קענען מאכן, איז דא א פשוט'ע זאך, פשוט מאכן פינעף'ער מינוטן, מיט דרייער מינוטן, אפילו אייניגע מינוטן פון אפשטעלן דעם מח, און פשוט כדי צו קענען אפשטעלן דעם מח.

### *איך מיטן באשעפער אליין*

ס'איז זיכער אז מ'דארף צוקומען צו א נקודה פון אמונה ובטחון. ער זאגט אז איך טראכט נישט, איך טראכט עס? דער מח טראכט עס, נאר איך בין יעצט מיטן באשעפער, איך לאז זיך פירן פון באשעפער. ער רוהט אפ דעם מח פון וואס דער מח טרייבט, 'איך וויל טוהן אזוי', 'איך וויל טוהן', 'איך בין נייגעריג', איך צינד אן דעם מח איז דער טייטש איך בין אין א מוטיבציה, איך זוך עפעס צו טוהן, איך זוך עפעס צו וויסן, איך זוך עפעס צו הערן, איך זוך עפעס זיך ערגעץ אנקומען. אבער, אפרוהען דער מח איז דער טייטש איך זוך יעצט גארנישט, איך בין יעצט מיטן רבש"ע אליין, איך שטעל אפ דעם מח. ווי מער א מענטש בארוהיגט דעם מח, ער איז רוהיג, ער געפינט זיך מיטן באשעפער, שפעטער ווען ער וועט זיך שטעלן דאווענען, א ברכת המזון, אפילו עסן, אפילו דברים גשמיים, זאכן וואס ער וועט זיך פארען אין דעם וועט ער זיין אן אנדער מענטש, ווייל ער האט צאמגענומען זיינע כלים.

### *למעשה*

די נקודה למעשה איז, זיך פראבירן יעדן טאג מאכן אייניגע מינוטן - און שפעטער מער ווי אייניגע מינוטן וואס מ'רוהט אפ, מ'שטעלט אפ דעם מח. מ'איז אויף, מ'שלאפט נישט, אבער דער מח האלט נישט אין איין כאפן און לויפן און פראבירן און זוכן הצלחות. זיך אפ שטעלן און זאגן צו זיך: איך זוך איין זאך, כדי איך זאל קענען באמת דינען א גאנצן טאג דעם אויבערשטן, איז אזוי ווי מ'פארשטייט אז מ'מוז שלאפן, און שלאפן וועל איך נישט קענען דינען דעם באשעפער, און עסן וועל איך נישט קענען דינען דעם באשעפער, און קליידער וועל איך נישט קענען דינען דעם באשעפער, און אפשטעלן אביסאלע דעם מח וועל איך נישט די זעלבע דינען דעם באשעפער. ס'איז א אנדער אופן פון דינען דעם באשעפער ווי מיט א ישוב הדעת, זיך אפשטעלן פאר א דאווענען, זיך אפשטעלן פאר יעדער זאך וואס מ'טוהט. זיך אפשטעלן אויף פינעף מינוט, א סקונדע אפשטעלן, נישט לויפן. דאס ברענגט קרבת ה', ס'ווערט געשמאק די עבודת ה', ס'ווערט מחובר צו דעם מענטש די עבודת ה', און ס'דינט זיך דער אויבערשטן אסאך געשמאקער.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אונז זאלן טאקע אויספילן דעם טאג און אלע טעג אין די נקודה פון עבודת ה', און געדענקען נאכאנאנד, געדענקען נאכאנאנד פראבירן גנב'נען אייניגע מינוטן. ווייל דער תכלית וואס איך לעב אויף די וועלט איז צו געדענקען פון אויבערשטן און כדי צו געדענקען פון אויבערשטן מוז איך אפשטעלן מפעם לפעם מיין מח, עס אפרוהען און זיך מתחבר זיין צום באשעפער מיט א רוהיגקייט מיט א שלוות הנפש, אן נערוון און אנגעצויגנקייט.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אונז זאלן טאקע אזוי דינען דעם אויבערשטן.

# חיזוק יומי/השתדלות מיט בטחון

ב"ה דער אויבערשטער האט מיר מזמין געווען, ס'איז געוועהן אפאהר יונגעלייט וואס זענען געזעצן האבן זיי געפרעגט א שאלה, ווי אזוי קען מען פון איין זייט מאכן השתדלות, פון די צווייטע זייט נישט פארלירן די אמונה. - בעסער געזאגט זיין פארנומען מיט השתדלות אויף א געזונטן אופן, ארבעטן שעות א טאג און זיין שטארק אין אמונה, זיי זענען געוועהן זייער יונגע יונגעלייט.

### *זיך לערנען נישט בשעת מעשה*

האב איך זיי געזאגט איך האב דאך א כלל וואס איך זאג אלעמאל אז יעדער זאך לערנט מען זיך נישט בשעת מעשה, א דאקטער לערנט זיך נישט בשעת מעשה, און מ'מאכט

כל מיני סארטן טעסטן און זאכן אויף פאלשע זאכן ביז ווען מ'לערנט זיך אויס, און צום סוף ווען ס'קומט למעשה אזוי ווי א בעל תוקע לערנט זיך תקיעות ווען מ'איז נישט מחויב און ווען מ'איז מחויב קען ער שוין בלאזן ווי ס'דארף צו זיין. א.א.וו. אין יעדער פאך, ווי צ.ב. מ'לערנט זיך מאכן א טיש אויף שוואכע האלץ און ווען ס'קומט צו מאכן א טיש אויף א גוטע האלץ קען מען שוין.

די זעלבע זאך כדי צו ביישטיין די נסיונות, לאמיר זאגן מ'וויל נישט ווערן אין כעס, מ'לערנט און מ'חזר'ט זיך אז מ'טאר נישט ווערן אין כעס, אבער מ'דארף זיך אויף פארשטעלן מציאות'ן. אז א מענטש גייט אריין אין א מצב און ער שטעלט זיך פאר ווי איינער האט איהם למשל עפעס געטוהן, אדער מ'האט איהם נישט געפאלגט אין שטוב א.א.וו. און ער איז זיך מדמה א שטארקע ציור, געוואוינט ער זיך צו אז ווען ס'וועט קומען וועט ער קענען. - אזוי ווי אמאל האב איך געמאכט מיט א קינד וואס האט בטבע נישט געקענט זיך מתגבר זיין און מודה זיין על האמת, האב איך אויסגעלערנט פארן קינד ער זאל זיך פארשטעלן יעדן טאג אז ער שטייט אין א מצב וואס מ'דארף מודה זיין און זאגן אלע סארטן ווערטער און זיך חזר'ן די ווערטער: ריכטיג דו האסט רעכט! כ'בין נישט בסדר! כ'האב א טעות געהאט! כ'האב נישט געטראכט! זאגן ווערטער פון אמת ברענגט אז ווען ס'קומט די מינוט קען מען שטיין אין נסיון, און כך הוה.

### השתדלות און תוצאות - צוויי באזונדערע זאכן

די זעלבע זאך די ענין פון אמונה און בטחון. און איך האב איך זיי געגעבן א שיינע דוגמא. זיי זענען תלמידים פון סאטמארער רב - זיי האבן געלערנט אין סאטמאר, פרעג איך זיי איר גייט נאך געלט? יעדער איינער דא האט עפעס א קרוב וואס ער וואלט איהם געוואלט העלפן, זאגן זיי: ניין! פארוואס? האב איך געפרעגט און געענטפערט: טאמער איך וויל העלפן מיין קרוב דארף איך איהם לכל הפחות צאמשאפן א גרויסע סכום און וויפיל געלט וועל איך שוין מאכן וועגן דעם מאכט מען גארנישט. האב איך זיי געזאגט: די ערשטע זאך ס'איז א טעות, טאמער דו דארפסט הצלחות אין יעדער זאך פון דיין עבודת ה' דינסט נישט דעם אויבערשטן, דו דינסט דעם אויבערשטן בשיתוף פון דיר אליין, ווייל טאמער דו וועסט טוהן די פעולה און דו האסט מורא אז דו וועסט נישט מצליח זיין, דו האסט מורא אז דו וועסט נישט פארדינען דא, מאכסטו עס נישט און באמת די אויבערשטער וויל פון דיר נאר דיין השתדלות. האב איך זיי געגעבן א דוגמא, יעדער איינער זאל גיין נאך געלט מ'זאל זיך אפרעדן זיך צוגעוואוינען למשל יעדער איינער זאל גיין פינעף מינוט צען מינוט א טאג און וויפיל געלט ער וועט מאכן וועט ער מאכן, דעמאלס מצד אחד טוהט ער השתדלות און מצד שני געדענקט ער אז ס'איז נישט תלוי אין איהם, איז טאמער איינער דעם ערשטן טאג וועט עם איינער אריין ווארפן א גרויסע סכום קען זיין ס'וועט איהם נישט געלונגען ווייל ער שפירט שוין הצלחה.

ס'געוועהן אמאל א יונגערמאן וואס כ'האב איהם עס אויסגעלערנט און ער האט דעם ערשטן טאג ער איז צוגעגאנגען צו צוויי גרויסע עשירים און יעדער איינער האט איהם געגעבן עפעס א קלייניקייט, אה! האט ער אנגעהויבן זעהן אז ס'איז דא השתדלות אהן הצלחה, ס'איז נאר השתדלות די הצלחה ליגט אין אויבערשטנס האנט, אזוי האבן די יונגעלייט זיך אויסגעלערנט א חודש צייט - כ'האב דעמאלס גערעדט אויף די נקודה פון פערציג טעג - אז מ'גייט ארויס אפאר מינוט אויף א מטרה און מ'לאזט דאס אויספירן פארן אויבערשטן. שפעטער זענען די יונגעלייט געגאנגען צום ארבעט, די הצלחה וואס דאס טייטש מאכן מער געלט אדער ווייניגער געלט איז שוין נישט געווען ביי זיי תלוי אין די השתדלות. דער אויבערשטער וויל איך זאל ארבעטן און איך זאל טוהן השתדלות, איך טוה השתדלות, אבער מיט די אמונה און בטחון צוזאמען.

### השתדלות מיט אמונה

היוצא מדברינו, א איד דארף זעהן מאכן אויף די אלע עבודות וואס ער וויל גיין טוהן, און בפרט אויף דעם ענין פון השתדלות, למשל א איד וויל גיין טוהן עפעס, ער דארף אדער וויל צו עפעס צוקומען, צוגיין מצד אחד ער מאכט טאקע די עשיות, פון די צווייטע זייט געדענקן אויספירן געהערט צום אויבערשטן, ער זאל דאס חזר'ן דאס מאכן אין קליינע זאכן, און ס'וועט קומען אין גרעסערע זאכן, ס'וועט קומען אפילו ביי שידוכים פון קינדער, ביי חתונה מאכן, קויפן א דירה, אלעס וועט גיין השתדלות צוזאמען מיט אמונה.

### טוהן פעולות אויף אמונה

און מדארף דאס נישט נאר חזר'ן מיט די מויל נאר טוהן אלע סארטן פעולות כדי ווען ס'וועט קומען די גרעסערע וועט ער קענען מאכן השתדלות מיט אמונה, מ'דארף נישט אויספירן, און אפילו איך וועל קומען צום ביישפיל, דער אויבערשטער האט מיר געגעבן א מתנה איך רעד פאר אידן, ס'דא איינער ער רעדט ער וויל אבער אויספירן, דו זאג דיין ווארט, זאג דיין געדאנק, זאג ווי אזוי מ'מאכט דאס למעשה, לאז פארן אויבערשטן ער זאל צו פירן ס'זאל ווערן אויסגעפירט, דו האסט געטוהן עד שידו מגעת האסטו געטוהן דיינס, אזוי איז אין פרנסה, א איד גייט ארויס ארבעטן, ב"ה איך האב אסאך חברים מ'מאכט חתונה און פארן זיי ארויס אין חוץ לארץ באמונה ובטחון וויפיל ס'איז באשערט וועט ווערן, איך גיי די פאר שעה ווייל איך דארף טוהן די השתדלות, וויפיל ס'זאל ווערן דאס איז דעם אויבערשטנס עסק ס'האט נישט מיט מיר, און די אלע ווי מער מ'געבט זיך איבער צום באשעפער זעהט מען חסדים נגלים.

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן אונז זאלן באצייטנס זיך צוגעוואוינען ווי אזוי אויסארבעטן אונזערע מידות אין די אלע ענינים, און די דערגרייכן ליגט שוין אין דעם אויבערשטנס הענט, און מ'זאל עס טאקע זוכה זיין צו עס מקיים זיין.


טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל ענייני הגליונות

ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com



**א פרייליכע מעלדונג**

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065   אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1